בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' פ' בחקותי | י"א אייר | תשע"א | פסחים: כ"ה.

# באריכט:

דעם פארגאנגענעם ליל שב"ק איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום טיש אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה ארום 15 מינוט נאכ'ן גוט שבת זאגן. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר מרדכי טורטשין הי"ו פון ירושלים עיה"ק, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יעקב יאזשעף הי"ו פון בני ברק.

ביי די תורה האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפן פסוק והיתה שבת הארץ לכם לאכלה און געזאגט בדרך פלפול אין די סוגיא פון המקדש בפירות שביעית.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר עקיבא הירש הי"ו פון וויליאמסבורג, מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יעקב לייב סופר הי"ו פון ירושלים עיה"ק, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר אייזיק ווייס שליט"א בן האדמו"ר מ'ספינקא ב"פ שליט"א איידעם פון הרה"צ מ'בערטש שליט"א.

עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פונע'ם הייליגען ראפשיצער רב – בעל זרע קודש זי"ע וועמענס יארצייט עס איז געפאלן היינט. און מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אנשיל שווארץ הי"ו פון ירושלים עיה"ק.

ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויף די רש"י "מה ענין שמיטה אצל הר סיני" און מאריך געווען בדברי התחזקות אז אפילו ווען עס איז דא א געוואלדיגע חשכות בעולם דארף מען זיך מחזק זיין, און קעגן דעם האט יעקב אבינו מתקן געווען תפלת ערבית אז אפילו דעמאלטס קען מען אויך מתפלל זיין.

## בקודש פנימה

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר יעקב הערש טייטלבוים הי"ו פון לעיקוואד, און הב' בן מוה"ר שלום לאנדא הי"ו פון וויליאמסבורג.

נאכ'ן דאווענען איז דער רבי שליט"א געפאהרן אויף בארא פארק ווי דער רבי שליט"א האט מנחם אבל געווען הרה"ג ר' ישראל צבי ברוידא שליט"א רב דק' שערי אורה וועלכער זיצט שבעה ל"ע נאך זיין פאטער ע"ה.

אין די נאכמיטאג שעה'ן זענען די תלמידי ישיבה גדולה ד'מאנטריאל און תלמידי מתיבתא ראשית חכמה פון מאנטריאל אריין אל הקודש פנימה מקבל צו זיין ברכת קדשו פון מרן רבינו שליט"א.

פארנאכטס איז דער רבי שליט"א געגאנגען צום שטוב פון הרבני הנגיד המרומם מוה"ר שלמה משה קלאגסברוין הי"ו ווי דער רבי שליט"א האט אריינגעשריבן אן אות אינעם ספר תורה וואס ר' שלמה האט אצינד געלאזט שרייבן, און דערנאך איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים ווי דער רבי שליט"א האט משמיע געווען עובדות וסיפורים פונעם בעל הילולא דער הייליגער זרע קודש זי"ע.

## יערליכע פארטי אין ב"פ לטובת "אהבת חסד" פון הרבנית הצדיקת תליט"א

היינט דוירכאויס דעם טאג האבן זיך פולע נשים צדקניות תושבי בארא פארק באטייליגט ביי די יערליכע פארטי לטובת די גאהר וויכטיגע צדקה ארגענעזאציע פון הרבנית הצדיקת תליט"א "אהבת חסד" וועלכער איז פאהראגעקומען אין שטוב פון מוה"ר נחמי' שלמה ווערצבערגער הי"ו מחשובי אנ"ש אין בארא פארק.

## יערליכע אקציע אין וויליאמסבורג לטובת כולל דברי יואל ד'סאטמאר בארא פארק

אין די טעג וויזן אנשי שלומינו תושבי וויליאמסבורג ארויס שטארקע ברידערליכע שטיצע פאר אחים לדיעה הנהלת הכולל דברי יואל פון בארא פארק ביי די יערליכע אפיעל לטובת דעם כולל וועלכער איז היינט צוטאג ברייט בארימט אלס א נאבעלע צווייג אינערהאלב די סאטמארער אימפעריע ווי עס לערנען איצנד איבער הונדערט אינגעלייט בההתמדה יתירה, און ווערט אנגעפירט דורך דעם בארימטן ראה"כ הרה"ג ר' יוסף דוד שנעעבלאג שליט"א דומ"ץ טשערנאוויץ.

## התרוממ'תדיגער שבת אין אנטווערפן מיט הגה"צ אבד"ק דקהלתינו בוומסב"ג שליט"א

### ליל שב"ק

מיט גאר שווערע געפיהלן האבן אנשי שלומינו תושבי אנטווערפען, ווי אויך די חשוב'ע געסט שיחי' זיך געקענט שיידן פונעם געהויבענעם שב"ק וואס איז נארוואס אפגעראכטן געווארן אין אנטווערפען יצ"ו, אינאיינעם מיטן אורח הדגול הגה"צ דער וויליאמסבורגער רב שליט"א.

ערב שב"ק אריינקומענדיג בהיכל בית מדרשינו האט זיך אנטפלעקט א מחזה הוד, זעעהנדיג א פוהל געפאקטער ביהמ"ד, כולם נקבצו ובאו לך, ווען דערביי באגריסן זיך גאר ווארעם ידידים וחסידים פון אלע עקן וועלט.

ארום צען צו צעהן איז דער רב שליט"א אריינגעקומען בהיכל בית מדרשינו צו תפלת מנחה.

דער רב שליט"א האט יורד געווען לפני התיבה און פארגעדאווענט מיט גרויס התרוממות הנפש.

מיט קבלת שבת איז מכובד געווארן הרה"ח ר' יצחק ראזענבערג הי"ו סגן ראה"ק דקהל יטב לב ד'סאטמאר, וועלכער האט פארגעדאווענט מיט גרויס נעימות.

נאכן דאווענען האט זיך געשלענגט א לענגערע רייעביים "גוט שבת" זאגן, ווי אויך אידן וועלכע זענען געקומען שלום נעמען פון איבער די גאנצע שטאט.
די סעודת ליל שב"ק איז דערנאך אפגעראכטן געווארן אין א געהויבענע אטמאספערע בבית האכסניא אין שטוב פון מוה"ר הערשל ווייס הי"ו.

נאך די סעודה איז דער רב שליט"א אריבערגעקומען אין ביהמ"ד, ווי עס איז געפראוועט געווארן די "באטע" אויף א גאר געהויבענעם פארנעם, שבח יקר וגדולה וכבוד יתנו לקל מלך יוצר כל, ווען די באטע איז פארענדיגט געווארן אזוי שפעט ווי צעהן נאך דריי ביינאכט.

**ויהי ביום השב"ק**

שבת אינדערפרי איז דער רב שליט"א אריינגעקומען צום דאווענען אום האלב צעהן. צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען האברך החשוב מוה"ר ישעי' יעקב דאסקאל הי"ו, און צו תפלת שחרית איז דער רב שליט"א צוגעגאנגען. און ביי הויעך שמו"ע איז צוגעגאנגען הרבני הנגיד הרה"ח ר' חיים לעווי הי"ו פון וויען.

א שטילקייט האט געהערשט אינעם היכל הביהמ"ד ווען דער רב שליט"א איז ארויף ביים ארון הקודש, און אנגעהויבן משמיע צו זיין דברי הדרכה והתחזקות פאר אנ"ש תלמידי וחסידי סאטמאר.

בראשית דבריו האט דער רב שליט"א מקדים געווען איבער די שם טוב פונעם ביהמ"ד וואס איז פקי' שמי' אלס א חסיד'ישער ביהמ"ד, און איז בבחי' כולך יפה רעיתי. און האט דערמאנט וואס אביו הגדול דער רב שליט"א האט באפוילן איבערצוגעבן אז מען זאל זעהן נישט נאכצולאזן נאר אדרבה זיין בבחי' מוסיף והולך.

דער רב שליט"א האט דערמאנט בפרטיות עטליכע ענינים, און דערביי געטייטשט שיינע געדאנקן און מאמרי חז"ל בעניני דיומא.

די עליות איז צוטיילט געווארן פאר ראשי ונכבדי קהלתינו הק' קהל יטב לב ד'סאטמאר פון איבער די וועלט, און שישי האט עולה געווען דער רב שליט"א. מוסף האט פארגעדאווענט פארן עמוד הרה"ח ר' אלי' בצלאל שרייבער הי"ו מטובי קהלתינו הק' אין לאנדאן יצ"ו.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען א קידושא רבה בהיכל בית מדרשינו לרגל די שמחת הולדת הבת ביי האברך החשוב מוה"ר נח צבי לעווי הי"ו, חתן הרה"ג ר' חיים יודא רוטנער שליט"א ר"מ בישיבה קטנה.

אויך האט דער ציבור געוואונטשן מז"ט פאר הרה"ג ר' שלום יצחק שעהר שליט"א ר"מ בישיבה קטנה, לרגל די שידוך שליסן פון זיין טאכטער עב"ג החתן נ"י בן מוה"ר שמואל יצחק קליין הי"ו פון ירושלים עיה"ק, בן הרה"ג ר' חיים שלום שליט"א מגי"ש בקהלתינו הק' בבני ברק.

כמעשהו בליל שב"ק כך מעשהו ביום השבת ווען די סעודה איז פארגעקומען אין א געהויבענע אטמאספערע בראשות פון רב שליט"א, בבית

הרה"ח ר' ליפא בערקאוויטש הי"ו ראה"ק דקהלתינו הק'.

## בשעה שהחכם יושב ודורש

שב"ק נאכמיטאג אין די באשטימטע שעה איז די היכל הביהמ"ד בליץ שנעל פוהל געווארן עד אפס מקום - עס האט נישט געהאלפן אז די היכל הביהמ"ד איז ספעציעל אויסגעליידיגט געווארן פון רוב טישן און איז ספעציעל אויסגעשטעלט געווארן אריינצונעמען אין זיך א גאר גרויסער ציבור - פון די הונדערטער אידן וועלכע זענען געקומען זיך צוהערן צו די דברי פי חכם חן פונעם אורח הדגול דער וויליאמסבורג'ער רב שליט"א.

דער רב שליט"א האט אנגעהויבן בדברי פלפול אין די סוגי' פון עשה דוחה לא תעשה, און איבער די סוגי' פון "נבילה וטריפה לא יאכלו הכהנים", ווען דער רב שליט"א האט באופן נאה מקשר געווען חבל בחבל ונימא בנימא.

דאן איז דער רב שליט"א אריבער צו דברי אגדה, און האט מעורר געווען דעם ציבור איבער די כלים מכלים שונים וועלכע טארן זיך נישט געפונען ביי א איד, און איבער'ן אויסלעשן די טעלעפאן ביים דאווענען.

א לענגערע צייט האט דער רב שליט"א דערנאך מעורר געווען בענין קביעת עתים לתורה, וועלכע איז די איינציגסטע זאך וואס האלט דעם מענטש ביי אידישקייט.

דער רב שליט"א האט דאן ארויסגעברענגט לשבח די שטאט אנטווערפען, וואס מיט דעם אלעם וואס א גרויסער טייל פונעם ציבור מוטשעט זיך על המחי' ועל הכלכלה, עם כל זה איז עס נאך אלץ א ארט פון ווי עס גייט ארויס שווערע סכומים פאר אלע ערליי צדקה צוועקן, און איז אויסגערופן אין די וועלט איבער אירע מעשי צדקה וחסד וגמילות חסדים.

דער רב שליט"א האט דאן אויך מעורר געווען בעניני אמונות ודיעות, איבערן התבדלות מרשעים, בנוגע די נגע הציונית בכל שום וחניכא דאית להו.

דער רב שליט"א האט דאן אויסגעפיהרט מיט ווארעמע ברכות און וואונטשן פארן גאנצן ציבור. (מיר טוהן דערמיט קלארשטעלן אז מיר האבן נאר אראפגעשריבן פונקטן פון די דרשה, און עס איז מעגליך אז מיר האבן עפעס פארזעהן אדער אויסגעלאזט, ואתכם הסליחה).

דאן איז דער רב שליט"א ארויף צום היכל העזרת נשים דבית מדרשינו, ווי עס זענען מדי שבוע בשבוע פארזאמלט צענדליגע ילדי תשב"ר אין די ראמען פון "חברת תהלים", ווי דער רב שליט"א האט משמיע געווען דברי חיזוק פאר די קינדער.

## חדו השתא בהאי שעתא דבי רעוא דרעוין

ביני לביני האבן די עסקנים אנגעגרייט דעם היכל הביהמ"ד פאר סעודה שלישית.

כנהוג בהיכל בית מדרשינו איז די שלש סעודות אפגעראכטן געווארן מיט גרויס דערהויבנקייט, ווען דערביי האט דער רב שליט"א משמיע געווען דברי כיבושין והתעוררות צו גיין בדרכי ה' ותורתו הק'.

במשך דעם גאנצן שב"ק זענען די מיילער פון די חשובע געסט, געווען פוהל מיט לויב אויף קהלתינו הק', הן מצד די ווארעמקייט און הכנסת אורחים וואס דער ציבור האט ארויסגעוויזן, און הן איבער די שיינקייט און פראכט פון די קהלה, וועלכע איז ממש

א יחיד במינו אין דעם הינזיכט ווען אלע מתפללים ולומדים זענען כולם אהובים כולם ברורים, זקני הקהלה, חשובע בעלי בתים, ואברכים יקרים המסולאים בפז.

*המשך פונעם סדר היום מוצאי שב"ק די המשך פון באזוכן ביי רבני ודייני העיר שליט"א, זונטאג, און איבערהויפט די גרויסע מעמד "הנחת אבן הפינה" צום בנין ביהמ"ד הגדול און די מקוה טהרה דקהלתינו הק', וועט אי"ה נאכפאלגן.*

༺•༻

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**